STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00942

# BAYNAKHTIKER DIALOG

Eliezer Greenberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

אליעזר גרינבערג

# ביינאַכטיקער

פערלאַג ״געצעלטן״ ניו־יאָרק, 1953

# דיאַלאָג


א געדענקשאַפט
ב די געהײליקטע סעקונדע
ג בײַנאַכטיקער דיאַלאָג
ד אור — קוואַל

ELIEZER GREENBERG

# BANACHTIKER DIALOG

*NIGHT DIALOGUE*

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פּרעס, אינק.,
228 איסט 45 סט., ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאָנדאָן

—

צייכענונג, שער בלאַט
און אותיות צו יעדן אָפּטייל
איליאַ שאָר

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK CITY



6

# דאָס ליד פֿון לידער

דאָס ליד פֿון לידער איז נאָך אַלץ דאָס ליד פֿון טרויער.
דאָס ליד פֿון פֿרייד איז בלויז דער צאַרטער שניט פֿון וואָרט.
די בעסטע פֿריינט פֿון ליד פֿון לידער: — דאָס האַרץ און אויער —
זיי זינגען תּמיד מיט
דעם טרויער, פֿון דעם טרויעריקן ליד.

דאָס ליד פֿון לידער איז נאָך אַלץ דאָס ליד פֿון אומעט.
דאָס ליד פֿון פֿרייד איז בלויז דער צאַרטער שניט פֿון וואָרט.
דאָס האַרץ און אויער נעמען זיך אַרומעט —
און זינגען תּמיד מיט
דעם אומעט, פֿון דעם אומעטיקן ליד.

א

# געזעלשאַפט

8

# געדענקשאַפט

איך בין פאַרפאָרן שוין אין יענער עלטער
ווען אָפּטמאָל טוט אַ מענטש אַ טראַכט:
די העלע זון פון מיטן־טאָג ווערט קעלטער,
און קאַלט און גרוי פאַלט צו שוין דער פאַרנאַכט.

נאָר טיף אין האַרצן ווי נאָך קיינמאָל
ווערט טיפסטער פלאָנטער קלאָר און ליכטיק:
און וואָס מיט דיר געשען איז איין מאָל
פאַרבלייבט שוין אייביק — גרויס און וויכטיק.

די רייפקייט זינגט איר מיר בטחונדיק און זיס,
דער טרויער שווייגט אין מיר — מיט פּחד און מיט בענקשאַפט.
כ׳ווער דורכגעשטרייפט פון קאָפּ ביז פיס
מיט לויטערער, מיט דאַנקבאַרער געדענקשאַפט.

## ~ 9 ~

# אייביק אמת און אמת גרויס

אַלץ אין לעבן איז איינגעטיילט אין זמנען:
תמימות קינדערשע פאַרמאָגט אַזויפיל חן.
אין יוגנטלעכן ברויז איז צאַרטקייט פיל פאַראַנען.
איר פרייד פּונקט ווי איר טרויער איז רייצנדיק און שיין.

שפּעטער קומען די מישובדיקע זומער־יאָרן
און זאַמלען אויף דעם קרן פּון דעם ווילדן האָב און גוטס.
ווייל אַלץ וואָס איז אין שיינקייט און אין חכמה רייף געוואָרן
ווערט אָנפאַרטרויט דער עלטער און געשטעלט אונטער איר שוץ.

און פון דער עלטער קענען שפּאָטן בלויז דער בלינדער און דער נאַר.
ווייל ווען אַלץ איז שוין פאָראיבער און אַ תל איז,
בלייבט אַלץ נאָך אייביק אמת און אמת גרויס איר צער,
ווי עס בלייבט אייביק אמת דער טרויער פון קהלת.

## 10

# היים: דערמאָנונג

איך גיי אַרויס פון טאַטנס הויז פאַרטאָג,
צו באַגריסן און מקבל־פנים זיין דעם זון־אויפגאַנג:
איך קיל די טריט די באָרוועסע אין טוי־געצוואָגן גראָז.
צו רעכטס — פאַרטאַיעט ליגט צונויפגעדרייט אַ שלאַנג.
צו לינקס — שפרינגט־אָפ מיט שרעק, די אויערן פאַרשפיצט,
אַ האָז.

איך גיי אַרויס פון טאַטנס הויז בייטאָג,
כ׳גיי מיטן שטראָז וואָס ציט זיך ווייט אַוועק הינטער דער שטאָט:
ס׳באַגלייטן מיך אַרויס געדיכטע סעדער ביזן פרוט.
איך גיב זיך איבער די קלאָרע וואַסערן און גאָטס באַראָט,
און וויג זיך אין דעם וואַסער־וויג פון כוואַליעס, — כי טוב,
ס׳איז גוט!

איך גיי אַרויס פון טאַטנס הויז ביינאַכט,
און לאָז זיך פירן פון דער פינצטער — ווייט אַרויס אין פעלד:
כ׳בין אויסגעטאָן פון אַלץ, כ׳בין לויטער זען און לויטער הערן.
ביז איך בלייב פאַרכישופט שטיין, ווי ס׳וואָלט מיין האַרץ זיך אָפגעשטעלט.
און כ׳צי זיך אויס, מיט הענט אין שטרעק, צו כאַפן אַ פאַלנדיקן
שטערן.

# לעגענדע

איך געדענק נאָך: די טויערן פון דער וועלט זיינען געשטאַנען צעפּראַלטע.
לענדער האָבן פאַרבעטן יעדן פאַרשטויסענעם צו זיך אויף גאַסט.
איך געדענק נאָך: שיפן האָבן איבער פרייע ים׳ען צעשטראַלטע
געזעגלט, און מיט האָפענונג געפלאַטערט האָבן פאָנען שטאָלץ אויף מאַסט.

איך געדענק נאָך: מען איז דורכגעשלאָפן אין זיכערקייט און אין פרידן
גאַנצע נעכט, מיט פענצטער און מיט טירן אָפענע, אָן מינדסטן חשד אויף שרעק.
איך געדענק נאָך: פאַר אַ בלבול אויף אַן איין־און־איינציקן יידן
האָט ווילד פון צאָרן אויפגעברויזט אַ גאַנצע וועלט! איך געדענק זיי נאָך די טעג.

איך געדענק נאָך די טעג: דורות לאַנג האָבן רואיק און שלווהדיק געבליט
הערלעכע, וואונדערלעכע יידישע ישובים אויף גאָר דער ערד.
איך געדענק נאָך: ווי מיט גמרא־ניגון האָט אויך געשוימט ס׳יידיש ליד,
מיט גלויבן — אַז אין אַן אַקעראייזן פאַרוואַנדלט ווערן וועט די שווערד!

—12—

# אַ וויכוח וועגן באַרייזן די וועלט

ווי נאָר מיין אויג פאַלט אויף אַ מאַפּע פון דער וועלט, בלייב איך שטיין פאַרוואונדערט
פאַר אירע גרויסע שיינקייטן! כ׳נעם אין געדאַנק באַרייזן באַלד גאַנץ גרויסע וועלט,
נאָר אַליין בלייב איך צוגעשמידט דאָ צו מיין קליינער דירה, צו מיין דלד
אמותדיק געצעלט,
צו מיין שטילער גאַס אינמיטן גרויסער שטאָט וואָס איז דאָ פרעמד ווי איך און
אָפּגעזונדערט.

כ׳נעם מורמלען שטילערהייט, ווי איך וואָלט זיך אַליין אַ סוד פאַרטרויען אויפן אויער:
— די יאָרן פליען, און ווי לאַנג וועסטו געפאַנגען בלייבען אין דער אָפּגעזונדערקייט אָדאָ?
גאַנץ וועלט איז גרויס און שיין, נאָר דו ווילסט זיך נישט שיידן מיט דיין גרויסן טרויער
און מיט דיין שפּאָרער פרייד! און כ׳ענטפער זיך אַליין אין אַט-דער שעה:

— איך ווייס גאַנץ וועלט איז גרויס און שיין, נאָר איך האָב קוים איר שוועל באַטראָטן.
ווייל לויט מיין געמיט געהער איך נישט צו די נאָמאַדן.
דער בוים, דער איינציקער, וואָס בליט אין הויף ביי מיר, אין שאָטן,
שוין יאָרן-לאַנג ווי כ׳פּאַרש אים, און כ׳בין אַלץ דערזעלבער ידען.

דער בוים, דער איינציקער, ער רעדט צו מיר מיט סוד מיט אוראַלטן פון וועלדער.
אין האַרבסט: דורך צער פון נאַקעטקייט. אין פרילינג-צייט: דורך פרייד פון בליען.
אַן איינציק בלימל צעזומערט דאָס גאַנצע הויז מיט גערטנער און מיט פעלדער,
און פון דער גאַנצער וועלט ברענגט גרוסן מיר — איין שוואַלב אין פליען.

און קוים דערזע איך דורך דער איינער שמאָלער שויב אַ פּענעץ
לבנה אויפגליען, וואָלט איך געוואָלט זי נעמען אין געפאַנג.
ווען די זון, די גאָלדענע, פאַרפלאַטערט אין מיין גרענעץ,
אַז זי נעמט אַפּציען — דאַן ווער איך טרויעריק, דאַן ווער איך קראַנק.

דער אמת איז: דאָס קליינע געסל וואו איך וואוין, איז נאָך פאַרבליבן
אַ געהיימעניש פאַר מיר ביז היינט — אין פרייד און אין געוויין.
מיין יאָרן-לאַנגער גוטער שכן — ווי ער וואָלט זיך היינט ארייגעקליבן,
און כ׳ווייס נאָך גאָרנישט, אָבער טאַקע גאָ-אָר-נישט פון-וועגן זיך אַליין!...

— 13 —

# שטאָט־מיראַזש

שפּעטער אָוונט. די שטאָט איז אין נעפּל געפאַנגען.
לאַמטערנס ווי לאָמפּן פאַררויכערטע פינטלען
אין נעפּל און ווינט. גאַסן ווי שלאַנגען
זיך קנוילן, און וואָלקנס דעם הימל פאַרטינטלען.

איך מעסט ביינאַכט די שטאָט אין טיפן שרעק און שווייגן,
און אַז איך טרעף אַמאָל דאָ ווער אויפן וועג,
באַקוקן מיר זיך מיט אַ חשד, ווי חיות אין די שטייגן,
און ווי מיינע — זיינען יענעמס אויגן — תהומען שרעק.

מיר שלייכן ווי גנבים זיך פאַרביי; ערשט שפּעטער
ווען מיר אָטעמען אָפּ פרייער — צאַמען מיר דעם טראָט.
מיר קוקן אויף צוריק, און טרעפן: איז דאָס אַן אייגענער? אַ פאַררעטער?
און מעסטן ווייטער אין פאַרלוירנקייט די שטאָט.

די שטאָט, זי אָטעמט איצטער שווער אין שלאָף ווי אַ פאַרברעכער.
זי פיבערט מיט הלומות דולע און אַ קראַנק געוויסן.
אַ שלאַפע לבנה שלאָגט־אָפּ מיט געלזוכט אויף די דעכער,
ביז זי ווערט פון האָרדעס וואָלקנס פאַרצוקט דאָ און צעריסן.

דורך פאַרהאַקטע פענצטער און דורך פאַרהאַקטע טירן
שפּאַרט זיך אַן אומהיימלעכקייט דורך גאַס און געסל.
בלויז קעץ די היימלאָזע ווי תמיד ראָמאַנסירן,
און הונגעריקע הינט זיך ראָיען אין אַן אָפּפאַל־פעסל.

# 14

פון בייזן טאָג פאַרטויבט אַ שווער־פאַרזונקענע
ליגט נאַקעט אָפּגעדעקט אַצינד די שטאָט אין גאַר איר שלעכטס.
פון בלינדע מויערן מיט גרויזאַמקייט באַטרונקענע —
ווי שטיינער פליען וואַרעניש — פון לינקס און רעכטס.

נאָר ווען פון שטומע מויערן — ווען פון די שטומסטע פון אַלע —
דערהערט זיך אין דער נאַכט אַ קראַנקען קינדס געוויין:
טוט די שטאָט די זינדיקע אַ ציטער, ווי פון אַ באַריר אַ צניעותדיקע כלה,
און וואַרעם שלאָגט איר האַרץ פון שטאָל און שטיין.

— 15 —

# פאַראַרעמטע

פאַראַרעמטע פרויען זיינען תמיד געפאַנגען אין פלאָג פון זייער פאַרגאַנגענהייט.
זיי קענען פון געפענגעניש זיך קיינמאָל ניט באַפרייען:
ביים איבערניצן זייערע אַלטע קליידער פון אַטלעס און פון זייד —
פאַלט נישט איין מאָל פון זייער אויג אַ טרער אויף יענער פאַרשוואונדענער צייט.

פאַראַרעמטע מענער שלייכן תמיד זיך אַרום מיט מורא און פאַרדאַכט
איבער אייגן הויז, ווי פליטים איבער שרעקעדיקער פרעמד:
זיי טראַכטן פון פאַרלוירן האָב־און־גוטס, זיי שעלטן זייער מוטער־טראַכט,
און ביים באַגעגענען אַלטע פריינט לאָזן זיי די קעפּ אַראָפּ פאַרשעמט.

קינדער פון פאַראַרעמטע עלטערן וואַקסן קרענקלעך, וואַקסן בלאַס,
און מיידן אוים אויף גאַס די קינדער אין זייער נייער געגנט:
זיי פילן זיך געקריוודעט; אין זייערע אויגן טליען חשד און האַס —
און פול מיט פאָרוואורף איז זייער בליק וואָס זייערע עלטערן באַגעגנט.

## 16

# אָדם־איינזאַם

ווער עס האָט דערפילט זיך אָדם-איינזאַם
צווישן מענגעס מענטשן אין די גרעסטע שטעט:
דער וועט אומעטום שוין אַלעמאָל אַליין זיין —
און דורכגענומען זיין מיט שרעק און מיט געבעט.

עס דאַרף נישט זיין קיין גאָט-באַטרונקענער פאָעט,
עס קען זיין אָדם אַ מענטש — וואָס טוט אַ לעבן-לאַנג שווייגן.
נאָר יעדע פריי וועט סיי־ווי זיין פאַר אים אַ תפיסה און אַ לאַזאַרעט,
און אַלע גרויסע שטעט — פאַרשלאָסענע אויף שלעסער — שטייגן.

זיין פוס מעג קיינמאָל נישט גאָטס שוועל באַטרעטן.
נאָר אויף יעדער שפראַך וואָס ער פאַרשטייט נישט וועט ער פאַרשטיין:
אָט־יענע אָן־ווערטערדיקע תפילה — דאָס געבעט פון אַלע געבעטן —
וואָס רייסט אַרויס זיך מיט אַ זיפץ, און איז דורכגעוויקט אין געוויין.

- 17 -

# די שטאָט האָט אויסגעהאַקט דעם וואַלד

בת מרימ׳ן

די שטאָט האָט אויסגעהאַקט דעם וואַלד,
און וואו אַ חיה — זי פאַרטריבן:
נאָר די חיה רעה אין באַהאַלט
איז אומעטום אַדאָ פאַרבליבן.

ביי דער שיין פון זון בייטאָג,
און ביי דער נאַכט ביים מולד:
די שטאָט מיט האַק אין האַנט אין יאָג —
האָט בוים נאָך בוים געקוילעט.

און וואו אַ בוים פלעגט דורות לאַנג
אין הימל-בלוי זיך שפּיגלען —
מיט פייגל-נעסט און מיט געזאַנג,
אַ תליה טוט זיך וויגן.

און וואו געשפּראָצט ס׳האָט אומגעשטערט
אַ גרעזל און אַ בלימל,
מיט שטיין געפלאַסטערט איז די ערד,
מיט תפיסות ביזן הימל.

און פלעגט דער ים, געצאַמט פון ברעג,
צוריק אין זיינע תהום׳ען,
איצט לאָדן האַפנס שיפן שרעק,
און סע דראָען נייע סדום׳ען.

~ 18 ~

# אין גרויען ליכט

מיין שוועסטער אסתּר'ן

אַ דינער שיכט פון גרויע האָר. אַ ברייטער שטערן
מיט טיפע קאַרבן. און אויגן צוויי אין אייביקן פאַרגאַף.
אַ שטאָלצע קרענקלעכקייט באַהויכט מיט גלאַנץ פון טרערן.
דאָס לעצטע איז ירושה פון מיין מאַמעס גרויסן יחוס־שטאַם.
און פון מיין טאַטנס צד — אַ ליידנשאַפט צו זינגעוודיקן טראַף.

איך שטיי און פאָרש מיט דרינגלעכקייט מיין אויסזען איצט אין שפּיגל,
און וואָס טיפער כ'קוק און קוק זיך אין מיין אייגן פּנים איין —
אַלץ מערער דאַכט זיך מיר, מיין טאַטע איז אויף פליגל
צופליען געקומען אַהער — פון יענער זייט בלוטיקן ים —
אַז דאָס שטייט ער אַדאָ, נישט איך, אַ גרויער איינגעראַמט אין זילבער־שיין.

זיין מויל איז צוגעשלאָסן. נאָר די ליפּן זיינע טוען יעדע ווייל אַ ציטער
פּונקט ווי מיינע. און ווי מיינע איז אויך זיין פּלייצע איינגעבויגן.
ס'איז עפּעס וואָס אין אים פאַראַנען פון אַ נכנע און אַ ריטער,
און ער קען מיט אָט־אָ דעם געמיש ווי איך קיין עצה זיך נישט געבן.
הענגען תּמיד שווערע וואָלקנס איבער זיינע טיפע אויגן.

איך שטיי אַדאָ, ווי צוגעשמידט צום אָרט. און מאַך איך נאָר אַ טראָט —
גייט ער מיך נאָך, און מאַכט מיך נאָך מיין יעדע מינע און העוויה.
זיינע אויגן קוקן מילד אויף מיר, ווי מיט דעם טרויער פון אַ סוד,
וואָס נאָר דער טויט אַנטפּלעקן קען, ווען ער באַזינט אַ לעבן
נאָכן לעבן, און ס'הייבט־אָן לויכטן מיט אַ ליכט אַ הייליקן, אַ נייעם.

עס נעמט מיך דורך אַ היים־באַקאַנטער אָטעם דורכגענומען מיט ריח פון טאַבעק.
עס ווערט מיר היימלעך־גוט און פיינלעך־זיס — די יאָרן דרייען זיך אויף צוריק:
כ'גיי אין חדר. כ'לערן חומש: יעקב אַנטלויפט פאַר עשו'ן איבער דעם יבוק.

## — 19 —

אָט איז שבת. אָט איז מיטן-וואָך. אָט איז ווידער שוין אַ פולע וואָך.
כ׳שלינג מיין מאַמעס צאַרט און איידל פּנים — איך בין אויפסניי אַ קינד אין וויג.

אָט ווער איך שוין בר-מצווה, און אָט טראָגט מיך אַ שיף אַ ריזיקע אַוועק
איבער ים׳ען ווייט. און אָט בין איך אַליין און עלנט אין אַ פרעמדן לאַנד.
די פרעמדע מענטשן און די שפּראַך די פרעמדע זיי וואַרפן-אָן אויף מיר אַ שרעק,
און ווי אַ שווער געפּעק דריקט מיך ביז דר׳ערד אַרונטער דער שווערער יאָך
פון הונגער און פון אַרבעט זוכן. אָט קומט אַ בריוו: דער טאַטע איז אומגעקומען פון
שונאָס האַנט...

— ווי זשע קומט אַצינד אין אָבלדיקן גרוי פון טרויער און פאַרנאַכט
דאָס געשטאַלט פון מיין טאַטן פאַרן שפּיגל? — אָ טאַטע מיינער, נעם איך שרייען
זוי באַנומען, וואָס האָט דיך, נאָך אַזויפיל יאָרן זיין צעשיידט, אַהער געבראַכט?
אָוונט טונקעלער נעמט אויסמעקן אין שפּיגל שטריך נאָך שטריך פון זיין געשטאַלט.
און טיף אין מיר דערוואַכט אַ ויתרוצצו פון דער ירושה פון הבל און פון קין.

אַ ווייל איז שטיל. נאָר פלוצים הער איך, ווי ס׳ריזלט צאַרט מיין טאַטעס וואַרעם קול:
— אָ זון מיינער, כ׳בין נישט געקומען אויפמאָנען קיין לוין און קיין נקמה
פאַר מיין אומזיסט און פרי-צייטיק פאַרשניטן לעבן... דאָס איז געווען אַמאָל... אַמאָל...
די צייט האָט זיכער שוין מיט שיכט נאָך שיכט פאַרגעסעניש פאַרצויגן
מיין קורצן ווילן אויף דער ערד דער בלוטיקער. די ערד — דער יאָמער-טאָל!

און דאָך פאַראַן אַ צייט איז, ווען יעדער קרומער לעבנס-וועג ווערט אויסגעגלייכט.
ווען ס׳טוט זיך אָפּ דער תהום צווישן רעכט און אומרעכט, צווישן יונג און אַלט.
עס בלייבט דער ריינער קרן בלויז פון אַלץ וואָס האָט אַמאָל באַרייכט
דיין לעבנס-גאַנג. ס׳איבעריקע בינטל אָנגעהויפּטע נעכט און טעג
געווען איז טרוקן בלעטערוואַרג, וואָס ס׳וואַרפט פון זיך אַראָפּ אינמיטן בלי אַ וואַלד.

קינד און טאַטע בענקען טיף און בענקען אייביק נאָך דעם גורלדיקן זיך באַגעגענען,
און חלומען פון דער דערקענטשאַפט, ווען הייסער זון-אויפגאַנג און קילער זון-פאַרגאַנג
גיבן זיך די הענט אין בונד אין הייליקן. אין זייער טרעפן זיך און זיך געזעגענען
רייפט תוך און תוכן אייביקער: יעדע רגע איז ריין פון חשד און ריין פון שרעק,
ווייל געבוירן פון ליבשאַפט, פון פאַרטרוילעכקייט, פון לויטערסטן געזאַנג!...

## 20

דער הבל אין מיר הערט, און גלאָצט מיט אויגן שאַפּישע און שטומע, נאָר זיין יעדער בליק
לעכערט מיר דאָס האַרץ, און קלאָגט מיך אָן אין ברודער־מאָרד מיט שווייגן!
דער קין אין מיר צאָרנט: — דו ביסט מיין שותף! ער שוימט באַזויפּט פון גליק
און אָן אַ ניצוץ פון חרטה: דער מענטש, ווי אַלע חיות, געהערט דעם אור פון וואלד!
זיין בחירה: קרבן — אָדער מערדעריי! די אומגעצוימטע פריי — אָדער צאַם פון שטייגן!...

הבל הערט זיך צו און שווייגט. נאָר באַלד ווי קין ווערט אַ זיגרייכער אַנטשוויגן
ווענדט ער זיך צו מיר און זאָגט: — דיין טאַטע איז געקומען דיך דערמאָנען,
אַז ס'איז דער טויט זיינער געווען דער שניט פון קינ'ס תורה און פון קינ'ס זיגן...
דאָס איז דער זיג דער אייביקער פון חלף איבער דעם לא תרצח! די פייל און בויגן
וואָס האָבן אויסגעקוילעט נאָך אַמאָל דיין אייגן בלוט און פלייש אין די מיליאָנען!...

רייסט אים קין איבער מיט אַ טייוולשן געלעכטער: — ווערטער, ווערטער, שפּילערייען...
עס שפּילט דער פּחדן זיך מיט זיי אויף צו באַרואיקן און איינצושלאָפן זיין געוויסן!...
ס'איז נישט קיין מענטש דער יעניקער וואָס היילט נישט אין בלוט זיינע כלי־זין...
דעם פּחדן דאַרף דער מאַמעס ברוסט מיט סם, און נישט מיט בלוט און מילך זויגן!...
הבל שווייגט. נאָר כ'זע, ווי אין בראשית־צייטן, זיין בלוט הייבט־אָן אויפסניי זיך גיסן!...

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ קאַלטער שווייס שלאָגט אוים אין גרויסע טראָפּנס אויף מיין הייסן שטערן.
די שלייפן מיינע צוקן היים מיט האַמער־קלעפּ און מעסטן שנעל מיין פיבער און די צייט.
ס'געשטאַלט אין שפּיגל איז שוין לאַנג אין פינצטערניש פאַרשוואומען. בלויז הייסע טרערן
פּיל איך רינען אויף די באַקן מיינע! כ'פּיל ווי מיינע קני זיך בויגן,
ווי כ'פּאַל אַוועק, און ווי מיט מיר אינאיינעם פאַלט מיין טאַטע ביי מיין זייט!...

# פיר פיסיקע לידער

## א

### פייער־פליג, פייערן, צווייגל און וואַלד

ס׳פלעמל פון אַ פייער־פליג אַן איינציקער לויכט מערער מיט געהיימעניש פון גאָט
ווי אַלע פייערן אין שטאָט, וואָס קריכן אין די הימלען דורך די נעכט און שרייען.
פאַר אַן איינציק צווייגל אַ פאַרשניטנס נעמט צאָרענען אַ וואַלד מיט יושר פון
גאָטס געבאָט

און יאָמערט: — לא תרצח! קין!

## ב

### זשיראַף, נאַכטיגאַל, סאָווע און האָן

פון אַלע חיות האָט דער זשיראַף דעם לענגסטן האַלדז. נאָר זינגען
קען דער נאַכטיגאַל. די בלינדע סאָווע וואָס ווערט זעעוודיק ביינאַכט, נעמט קרעכצן
ביי דעם זון־אויפגאַנג. נאָר דער האָן אין שלאָף נעמט מיט אַ קריי צעקלינגען
ס׳ליכט פון טאָג וואָס קומט אים שעכטן.

ג

## רויז, שטעכלקע און הירש

שיין, שיין איז די רויז. נאָר ווער ס׳קען זי מיט דער האַנט דערלאַנגען
רייסט זי אָפּ אינמיטן בלוי. מיאוס איז די שטעכלקע, נאָר אירע דערנער
באַשיצן זי פון שונא. דער הירש איז פלינק, נאָר נעמען נעמט מען אים געפאַנגען
ביי דער קרוין זיינער — די הערנער.

ד

## שאַקאַל, אָדלער און פייגל

דער שטאָלצער אָדלער, ביי די הימל-ברעגן, אין זיינע סכנותדיקע אַליינען,
איז וויניקער — ווי טשאַטעס פייגל אין זייער נידעריקן פלי — אַליין.
דער שאַקאַל ווערט נישט מיד צו וויינען. נאָר ס׳געווין פון אַלע געוויינען
איז דאָס נישט-געוויינטע געווין.

ה

## פּאַפּוגיי, פיש, טיגער און אייזעל

דער פּאַפּוגיי רעדט און רעדט, און רעדט נישט אויס קיין איינציק אייגן וואָרט.
זוען שטומערהייט באַרייזט דער פיש די גאַנצע וואַסער-וועלט — דעם ים.
דער טיגער איז נעוורטש. ער איז תמיד אויפגערעגט און גרייט אויף מאָרד.
דאָס אייזל איז אַ האָרעפּאַשניק — נאָר אַ תם.

ו

## פערד, וואָלף, שעפּעלע און פּאַסטוך

דאָס פערד איז שלאַנק און שטאַרק, נאָר דום. ס׳לאָזט יעדן איינעם רייטן
אויף זיין רוקן. זיך פירן פאַר די לייצעס. און טוען טויט עם דעם ווילן
פון דער בייטש. דער וואָלף דערשמעקט די שעפּעלעך, און גייט זיי נאָך פון ווייטן,
ביז דער פּאַסטוך הייבט-אָן אויף זיין פייפל שפּילן.

ז

## הונט און טיגער

דער הונט איז אַ לייבלעכער קרוב פון דעם וואָלף. נאָר פאַר זיין אויסגעאיידלקייט
באַצאָלט ער מיט אַ לעבן פון בזיון. פאַר יעדן ביסן ברויט
מוז ער קושן די האַנט פון באַלעבאָס. פון טיגער וועט שוין ניט ווערן אַזאַ לייט.
— אים איז שוין ניחא מער דער טויט.

ח

## בער, קאַץ און טויב

דער בער איז אַ פוילנצער. אים קען בלויז אויפוועקן פון געשמאַקן שלאָף
דער הונגער און אים אַרויסטרייבן אַ ווילדן אויף פאַרצוק און רויב.
די קאַץ האָט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, נאָר דערפאַר האָט זי נעגל, און די שטראָף
פאַר זיי באַצאָלט די מילדע טויב.

ט

## פאַווע און פליג

די פאַווע איז בלויז אין זיך פאַרליבט. זי הערט נישט אויף זיך צירן אין איר פאַווע-פעכער.
זי איז בלינד צו אַלעמען און צו אַלץ וואָס טוט זיך אַרום איר.
זי ווייסט אַפילו נישט אַז די קליינע פליג דערהייבט פון איר זיך העכער,
ווען זי פאַרשוועגדט אין שטויב איר ציר.

י

## פיקהאָלץ און היישעריק

דער פיקאָלץ האָט אַ שאַרפן שנאָבל ווי אַ האַק, האַקט ער ביימער אין די וועלדער.
נאָר באַהייצן דעם דרויסן ווינטער-צייט — דאָס קען ער נים.
דער היישעריק פאַרצערט דאָס בליענדיקע ברויט אויף פעלדער,
און שטאַרבט פון הונגער נאָכן שניט.

יא

## לייב און האָז

אויף דעם לייב הינטער די גראַטעס איז קיין רחמנות נישט. ווייל סיי־ווי־סיי
אַנערקענט ער נישט זיין געפאַנגעשאַפט. ער האַלט ווי פריער אַן זיין קעניגלעכן שטעל.
פיל מער, פיל מער רחמנות איז אויף דעם האָז, וואָס אויך אויף דער פריי
ציטערט פון שרעק אויף אים די פעל.

יב

## בלום און וואַלד

דער צער פון אַ בלום אַן איינציקער אין וועלק איז טיפער, פיל טיפער,
ווי גאָר די פרייד די שכורע פון אַ וואַלד אַ גאַנצן אין זיין בלי.
פאַראַן אַ חשבון וואָס איז מיסטעריעזער נאָך פון יעדן ציפער.
— ער טיילט זיך בלויז אויף זיך אַליין.

יג

## העלפאַנד און פלוי

דער העלפאַנט איז גרויס און מאַכטיק. אין זיין גאַנג צעטרייסלט ער די ביימער אין וואַלד.
פאַר דעם רוקן זיינעם איז קיין לאַסט ניט שווער. און קייען קייט ער סנאָפּעס שטרוי.
נאָר דעם יעגערס פייל פליט אים קיינמאָל נישט פאַרביי. און אין איר באַהאַלט
איז זיכערער פון אים די פלוי.

יד

## לעמפערט, פוקס, קעמל און לאַם

דער פוקס איז קלוג נאָר געווויסנלאָז. דער לעמפּערט קען זיך תמיד גיבן אַן עצה
אין געפאַר. זיין קרבן איז תמיד דער הייליק־אומבאַהאָלפענער לאַם.
דאָס קעמל טראָגט די שווערע לאַסט פון שווערן לעבן אויף זיין פּלייצע,
זיין מום — איז נאָך אַ טראָפּן סם.

טו

## אָדם — אַ מענטש

אַ געמיש פון אומבאַהאָלפנקייט און גבורה. זיין השגה איז דעראָבערן דעם הימל
און די ערד.
קנויל פון מוראָדיקע סתירות: העלד און פחדן, שפּאַנט ער פון אייביק אָן פון
זיג צו זיג
באַגלייט פון דורכפאַלן. ער רעדט פון יושר און לעבן לעבט ער אויף דער שווערד.
און איז אומגליקלעך אין זיין גליק.

טז

## די אַף

אָדמס נאָענטסטער קרוב איז דער בר־שכל פון אַלע חיות — די אַף.
זי מאַכט קונצן און העוויות אַלערליי. אַט שמייכלט זי, און אַט איז אין איר אויג אַ טרער,
זי איז כמעט אַזוי דערפינדעריש ווי דער מענטש, גאָטס אויסדערוויילט באַשאַף,
און אויך אומגליקלעך פונקט ווי ער.

יז

## די שלאַנג

די שלאַנג איז ליסטיק. פאַרפירעריש. און מיט השגות ניט־געשטילטע פול איז איר נשמה.
נאָר קריכן מוז זי תמיד אויפן בויך אין שטויב. און תמיד זען איבער זיך ווי ס'טריפט
דאָס דערמאָנענדיקע גן־עדן בלוי פון הימל. איז זי בייז און רשעותדיק און איר נקמה
איז טויט, וואָס ס'טראָגט אין זיך איר גיפט.

יח

## מענטשן און חיות

נאָכן מבול זיינען פון דער תיבה אַרויס די חיות און די מענטשן די געציילטע
מיט שטוין פון נס! נאָכדעם איז אַוועק דער אַלטער סדר: נישטאָ אונטער דער
זון קיין נייעס!
די חיות האָבן דאָרט פיל געלערנט פון די מענטשן, נאָר נאָך מער האָבן גאָטס
אויסדערוויילטע
זיך אָפּגעלערנט פון די חיות.

# אָדם הקדמון

ווער זאָגט דער מענטש בלייבט אָדם־נאַקעט
פאַר זיין געלעגער נאַכט נאָך נאַכט?
ער טוט זיך אויס בלויז פון די קליידער,
ווייל אַלץ וואָס ער האָט מיטגעבראַכט

מיט זיך אין בלוט זינט מוטערס טראַכט:
תאווה, ליבע, גיר און שרעק,
פון דעם קען ער נישט אויסטון זיך —
ביז לעצטן טאָג פון אַלע טעג.

אַ דורך די טעג איז ער אין תפיסה
ביי זיך אַליין, אין צעל אויף קייט.
ביינאַכט ווערט ער ווי אָדם הקדמון
אין פרייד און צער פון אור באַקליידט.

ביים וואַכן ליכט פון טאָג באַהאַלט
ער טיף אין זיך דעם מינדסטן סוד.
ער טוט אָן שלעסער דער מחשבה,
און תאווה צוימט ער מיט פאַרבאָט.

נאָר ווען סע נעמט דער שלאָף אים זאַלבן,
און וואָר פאַר'חלשט פאָס נאָך פאָס:
דאַן ווערן לויז אויף אים די קייטן,
ווי אַלטע רייפן אויף אַ פאַס.

ווי לעצטע האַרבסט־בלעטער אויףביימער
ווערן פון אַ ווינט צעשאָטן:
אַזוי אויך פאַלן זיך פאַנאַנדער
דורכן שלאָף דעם טאָגס פאַרבאָטן.

נעמען פלאַטערן אין חלום
אַלטע קריוודעס ניט־געשווינטע.
וואונטשן קיינמאָל ניט־פאַרוואָרטע,
טויכן פּלוצים אויף באַלוינטע.

און האָט דער מענטש געשפּירט ווען פרייד,
און האָט ער וואו געליטן בושה,
ביינאַכט ווערט ער אין ציר באַקליידט
מיט בראשיתדיקער אור־ירושה.

פון דעם טויט קיינער זיך נישט אויס,
ווי מען טוט נישט אויס פון זיך די הויט.
מען טוט פון דעם זיך אויס בלויז דעמאָלט —
ווען דאָס ווערט גע׳חתמעט פון דעם טויט.

## 28

# די שעה וועט שלאָגן?

דער ווינט וועט ווייען?
— ער וועט! ער וועט!
די ערד זיך דרייען?
— זי וועט! זי וועט!

דער ים וועט רוישן?
— ער וועט! ער וועט!
די צייט זיך טוישן?
— זי וועט! זי וועט!

די שעה וועט שלאָגן?
— זי וועט! זי וועט!
ס'האַרץ נאָך נאָגן?
— ס'קען זיין צו שפּעט!

# 29

# טרויער און שיינקייט

נישט איין מאָל, נישט איין מאָל, זאָג איך זיך אַליין:
— אינמיטן פון אַזויפיל שיינקייט
ווי קומט צו דיר אַזויפיל טרויער,
— אַזויפיל פאַרלוירענע אַליינקייט!

זע אויף דר׳ערד דעם רעגנבויגן פון בלומען,
ווי גאָטס האַנט וואָלט אין אַ ריי זיי אויסגעשטעלט!
און אין דער הויך — זע דאָס כישופדיקע בלוי פון הימל דאָ.
צעהאָנגען, ווי אַ חופה איבער דער וועלט.
הער זיך איין פאַרנאַכט אין דעם קול-דממה-דקהדיקן זשומען
פון אַ פליג אָן איינציקער, וואָס איילט זיך אַ פאַרשפּעטיקטע אַהיים.

באַנעם דעם נס דעם ליכטיקן פון דער פרימאָרגן-שעה
ווען די זון שטעלט אויפן הימל אירע ערשטע טריט!
זע דעם אויפבלי און אָפּבלי פון אָן איין-און-איינציקן בליט.
באַנעם, ווי צום ערשטן מאָל, דעם נס פון הימל אין דער הייך,
און פון דער ערד אין נידער.
זע, דעם וואַלד. זע דעם איין-און-איינציקן צעבליטן בוים
וואָס ציט זיך מיט אַלע זיינע צווייגן-גלידער
צו דער זון, צו דעם אייביק-שווייגנדיקן רוים,
מיט אַזויפיל ציטער, מיט אַזויפיל בעטעניש.

זע, ווי מאַכטיק ס׳הייבט דער ים זיך אויף און פאַלט צוריק,
און הייבט זיך ווידער אויף. באַנעם דעם וועג וואָס פירט פון וויג
צום שלאָף צום אייביקן. און בלייב פאַרוואונדעט שטיין פאַרוואונדערט
פאַר דעם געהיים און פאַר דער רעטעניש!

— אינמיטן פון אזויפיל שיינקייט
ווי קומט צו דיר אזויפיל טרויער,
אזויפיל פארלוירענע אליינקייט?

און איך ענטפער זיך אליין
שטילערהייט, ווי אויפן אויער:
— אין מיין פארלוירענער אליינקייט
איז פאראן אזויפיל שיינקייט!
איז פאראן אזויפיל טרויער!
איך וועל זיי ביידע קיינמאל נישט אויפגעבן.
— שיינקייט איז טרויער, טרויער איז שיינקייט,
און ביידע — זיין און זין פון לעבן.

# אין גרויסן טרויער פון מײַן קלײנעם תּחום

איך ווײס גאָט וועלט איז אומגעהײער גרויס, פול שטוינענדיקע וואונדער
און אויסטערלישע שײנקײטן. און איך האָב אָפּגעלעבט אין קלײנעם תּחום
פון גאַסן עטלעכע שוין באַלד אַ לעבן-לאַנג. באַזונדער
אויף אַן אינדזל אינמיטן פון דער שטאָט, פרעמד, אַלײן און שטום.

כ'בין שוין נישט אײנמאָל גרײט געווען פאַרלאָזן דאָ דעם תּחום-המושב.
אַרויס אויף וואַנדער. ווערן פרײַ פון לאַסט. נישט זײַן פון עצבֿות מער געצאַמט.
בין איך אָבער אין דער וועלט אַן על-פּי-נס געראַטעוועטער תּושבֿ,
אַן איבערבלײַב פון אַן אויסגע'הרגעט פאָלק, זײַנען אַלע וועגן מיר פאַר'סמט.

וואוהין, וואוהין זאָל איך לויפן? אַז אומעטום וועל איך פאַרנעמען
דאָס פאַר'יתומט און דאָס אָבלדיק געוויין, וואָס וועט אין חלום און אויף וואָר
פאַרפאָלגן מיך! אַז אומעטום וועט מיך מײַן מענטשן-מין פאַרשעמען,
און לענדער וועלן אויף מיר טײַטלען מיט דעם אומגליק פון מײַן דור.

וועל איך שוין בעסער אין מײַן אײנזאַמקײט פון מײַן קלײנעם תּחום געפאַנגען —
אַזוי ווי אין אַ שטײַג אַן אָדלער — נישט פאַרמעסטן זיך צום פליען.
איך וועל פאַר זיך אַלײן, אין עצבֿות, מורמלען טרויעריקע געזאַנגען,
ביז איך וועל אין גרויסן טרויער פון מײַן קלײנעם תּחום פאַרבליען.

# ס׳אַ שאָד, ס׳אַ גרויסער שאָד

ס׳אַ שאָד, ס׳אַ גרויסער שאָד, וואָס די טיפע לעבנס-חכמה קומען דאַרף
ערשט מיט רייפער עלטער, מיט אַש פון יוגנטלעכע גאַרונגען.
ווען דאָס חלום-ליד האָט שוין אָפּגעציטערט אויף דער יוגנטס האַרף
און ס׳קוואַלט דאָס ליד, דאָס לויטערע פון שכל און דערפאַרונגען.
ס׳אַ שאָד, ס׳אַ גרויסער שאָד!

ס׳אַ שאָד, ס׳אַ גרויסער שאָד, וואָס נאָך אַלע ליידנשאַפטלעכע באַרוישונגען
פרעסט נאָך אַלץ אַ צווייפל טיף דער חכמהס האָב-און-גוטס.
אַלע בענקענישן, אַלע נאָגענישן און אַנטוישונגען
געפינען נישט קיין תיקון אונטער אירע חסד-פליגל און קיין נעסט פון שוץ.
ס׳אַ שאָד, ס׳אַ גרויסער שאָד!

ס׳אַ שאָד, ס׳אַ גרויסער שאָד, וואָס ווען די חכמה לויכט אין מיטן-טאָג פון יאָרן,
שימערט שוין אין האַלבן-ליכט דער יוגנטס מאַטער, צאַנקענדיקער קנויט.
ס׳אַ שאָד, ס׳אַ גרויסער שאָד, וואָס די יוגנט בלייבט פאַרקריצט בלויז אין זכרון,
וואָס אין דער טיפער עלטער קומט נישט יוגנטלעך פאַרנויגן זיך דער טויט.
ס׳אַ שאָד, ס׳אַ גרויסער שאָד!

# די זעלטענע מסיבה

אָ שיק מיר צו אָט־יענע גאָט־געבענטשטע איינזאַמקייט
וואָס קומט מיט זעט פון פריינטשאַפט און פון ליבע.
דו לייטערסט זיך אין יענעם זיין אַליין פון צייט־צו־צייט,
כדי זאָלסט הונגערן נאָך יענער זעלטענער מסיבה.

דו חלומסט דעמאָלט פון יענער ליבשאַפט און חברים
וואָס דו וועסט קיינמאָל מער נישט לייכטזיניק פאַרשווענדן:
פאַראַן אַ פריינטשאַפט וואָס וואַרעמט פונעם קאָפּ ביז די געדערים,
און אַ ליבשאַפט וואָס גליט פון האַרצן ביז די לענדן.

ב

# די געהייליקטע סעקונדע

# די געהייליקטע סעקונדע

דורך לאַנגע וואַכע נעכט מיט ווי באַטריבטע,
כ'הער דאָס האַרץ פון זייגער טיקט מיד און מאַט.
דאַכט זיך מיר, די ווייזערס זיינען צוויי פאַרליבטע,
וואָס זוכן זיך אַרום אויפן גלאָבוס פון דעם ציפערבלאַט.

דער ער ציילט רגעס, און זי — די שטונדן,
נאָר אין דעם חשבון איז נישטאָ קיין אונטערשייד.
ווייל עס טראָגן ביידע ווייזערס דיזעלבע וואונדן:
פון בענקשאַפט טיפער און פון זיין צעשיידט.

איין ווייזער יאָגט, און ס'יאָגט אים נאָך דער צווייטער
רונד און רונד אין אייביקן מאַרשרוט:
און ווען זיי טרעפן זיך שוין יאָ, צעשיידטער
בלייבן זיי אויפסניי נאָך דער מינוט.

ס'איז אַפילו קיין מינוט ניט! בלויז איין־און־איינציקע סעקונדע
געדויערט, אין פאַרגליווער, די באַגעגעניש.
נאָר זי פאַרגיטיקט יעדע גיהנום־שטונדע,
און ס'ווערט אויך גם דער צער פון זייער געזעגעניש.

דעם שטח וואָס צעשיידט זיי — זי צע'חלקט.
און וואָס איז שטח? — רוים אין צייט!
די סעקונדע אָבער, ווייל זי איז געהייליקט,
איר דויער איז אַן אייביקייט.

## 37

עס טוט די איינציקע סעקונדע זיי דערהויבן.
זי מאַכט דעם יאָך זיי גרינג און פריי.
זי איז זיי קונה עולם, און זיי הויבן
אָן זייער אייביקן מאַרשרוט פונסניי.

# איינזאַמקייט

פון איינזאַמקייט קען מען זיך נישט היילן,
די קראַנקהייט ירשנט מען אין בלוט.
בלויז דער וואָס ליידט פון איר קען אייך דערציילן —
ווי זי דערהויבט, ווי ווײ זי טוט.

און דער וואָס האָט פון איר זיך אויסגעהיילט —
באַפרייט פון איר זיך ווען ער וויל:
די איינזאַמקייט האָט אים נישט אויסגעווײלט,
דאָס איז געווען בלויז אַ שפּיל.

ווײל דער וואָס האָט אין רויש און רעש געקענט
געפינען רו נאָך דעם צעשייד:
איר דאָרשט, איר געטלעכער, האָט ניט געברענט
זיין גומען; עצבות — ס'אינגעווייד.

דער ברען פון איר באַרוישיקן געטראַנק,
געדרויש פון פייער און פון ווינט —
איר טרויעריק, איר רירנדיק געזאַנג —
אין זיינע אָדערן ניט רינט!

זיין איינזאַמקייט געווען איז לאַנגוויל בלויז,
פון נודנע נעכט און טעג — אַ קיים.
זי האָט אים נישט מיט רו פאַרוויגט אין שויס,
מיט זיכערקייט — אין פלי פון פרייד.

זי האָט אים נישט געלערנט ווי צו בלייבן
אינמיטן רויש און רעש אַליין.
אַז פון אַלע פריינט זאָל ער אויסקלייבן
אין עצבות — זי, ווייל זי איז שיין!

פאַרוואָר, דאָס זיין מיט איר קען זיין אַ גיהנום.
ס׳קען פול מיט צער זיין יעדע שעה.
— נאָר די רו וואָס זי קען גיבן יענעם —
איז אויך נאָך אויף דער וועלט נישטאָ.

## ‹ 40 ›

# רגעס

ערשט היינט, האָב איך נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן אויסגעפונען
אַז נישט מיט דויער בלויז לאָזט תמיד מעסטן זיך די צייט.
פֿאַראַנען רגעס — ווען עס ווערן אויסגעלאָשן זונען.
און רגעס — וואָס געדויערן אַ גאַנצע אייביקייט.

# ס׳איז אַלץ אַדאַ געהייליקט

איך האָב געשוואוירן: וואַרטן דאָ אויף דיין צוריק-קער,
מיט אָטעם איינגעהאַלטענעם, מיט דאָרשט אין האַרץ וואָס ברענט.
ווייל אַלצדינג אויף דער ערד אַדאָ געהייליקט איז געוואָרן
פון דיינע פוס-טריט, און באַריר פון דיינע הענט.

דאָ האָבן בערג אין נידער, טאָלן אין דערהויבנקייט,
מיט הייסע ברכות דיך אין וועג אַרויסבאַגלייט.
און אַלץ אויף וואָס דיין בליק האָט נאָר גערוט אַמאָל —
אָטעמט מיט דיין שיינקייט איצט און מיט דיין לעבנס-פרייד.

דער טייך אין גאַנג. די פייגל אין זייער געפלאַטער.
דאָס גראָז אין שפּראָץ. דיביימער פעכערדיק — אין ציר.
איך האָב באַשוואוירן זיי: דערוואַרטן דיין צוריק-קער,
און ביז דעמאָלט — מיט מיר אינאיינעם בעטן, בעטן דאָ פאַר דיר!...

# וועגן דערהאַלטענע בריוו

מיין נייגער וועט זיך קיינמאָל צוגעוואוינען
צו דער געהיימעניש אין אייך פאַרזיגלט.
כ׳וועל אַלעמאָל אייך אויפנעמען מיט שטוינען
און מיין געדאַנק וועט אָנטון זיך אין פליגל.

ווייל איידער כ׳טו נאָך דעם קאָנווערט אָן עפן,
נעמט פון דערוואַרטונג באַלד מיין האַרץ גיך שלאָגן.
כ׳טו צערטלען לאַנג דעם בריוו, און פּרוּוו צו טרעפן:
— וואָס איז אייער שליחות? וואָס ברענגט איר מיר צוטראָגן?

מיט טיפע און געהיימניספולע סודות
טוט מיין נייגער באַלד באַזעלן אייערע שורות.
מעג שפּעטער אונטערגראָבן די יסודות
פון מיין דערשטוין — דער ניכטערער באַשייד פון אייערע בשורות.

נאָר ביים דערזען אַ נייעם בריוו פאַרזיגלט
טוט ווידער מיין געדאַנק זיך אָן אין פליגל.

# קאַפּריז מוזיקאַל

..געזאַנג איז די נשמה פון דער וועלט

דאָס מיידל, אוי דאָס אומבאַקאַנטע מיידל ביים קלאַוויר,
ביים אָפענעם פענצטער, קעגנאיבער דעם הויז,
— וואָס האָט זי זיך פארלעגט אויף מיר?
— וואָס פייניקט זי מיך גאַנצע טעג!
זי רייסט מיר שטיקער האַרץ אַרויס
ווי נאָר זי רירט די פינגער אירע צו צו דעם קלאַוויר.
איך וואָלט געשוואוירן אַז אַ דיבוק איז אַריין אין איר —
ווען איך דערהער די פינגער אירע שוועבן איבער די קלאַווישן!
און ווען זי נעמט דאָס נאָטן־בוך אירס מישן —
כאַפּט מיך אָן אַ פרייד אַ גרויסע און אַ גרויסע שרעק!

דערפאַר ווען איך האָב זי אין פענצטער היינט דערזען
האָב איך געוואָלט אַוועקלויפן פון הויז.
איך האָב אויף שנעל נאָך זיך פאַרהאַקט די טיר —
האָט אָבער אויף די טרעפּ מיך אָנגעיאָגט ס׳געוויין פון דעם קלאַוויר.
ס׳האָט מיך צוריק־גערופן, צוריק אין הויז געשלעפּט.

איצט זיץ איך ווידער שוין פאַר׳כישופט און דערשעפּט,
און טראַכט, איך מוז באַפרייען זיך פון אירע כישוף־נעצן!
איך מוז אַרויף צו איר אין הויז!
איר אויסדערציילן פון מיין שטענדיקער געשפּאַנטקייט און מיין שרעק!...
— — — — — — — — — — — — — —

## — 44 —

נאָר אפשר איז דאָס גאָרנישט מער ווי אַ קאַפּריז.
ווייל אויב געזאַנג איז טאַקע די נשמה פון דער וועלט,
גאָטס רמזימדיקע שפּראַך,
וועל איך באַפעלן איר: — שפּיל, שפּיל זיין רום און שבח,
און לאָז מיך אויסגיין שטיל אין שיכרות געלעכטער ביי דיינע פיס!...

## 45

# קרן

פֿאַר דער העלער זון פֿון מיטן-טאָג שטייט מען פֿיל-ווייניקער דערשטוינט
ווי פֿאַרטאָג, פֿאַר דעם פֿיבערדיקן גלי פֿון אַ צאַנקענדיקן שטערן:
וואָס מען האָט אַמשטאַרקסטן ליב ווערט אָפֿט אַמווייניקסטן געשוינט,
— וואָס מען שוינט דאָס איז שוין קרן.

## 46

# ליבשאַפט

וועןמיר האָבן דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט זיך
האָט דער ווינטער שוין גענומען אָפּציִען.
פאַרוויינטע הימלען האָבן נאָך פון צייט-צו-צייט צערעגנט זיך,
נאָר דער שניי איז שוין צעגאַנגען.

פון ווייטע לענדער איז געקומען מיטאַמאָל אַן ערשטע שוואַלב צופליען
און באַלד נאָך איר אַ טשאַטע פייגל מיט געזאַנגען.
ס'האָט טיף אין אונדז געזונגען און אונדז באַזונגען
די ליבשאַפט. וואו מיר האָבן נאָר אַ טראָט געשטעלט,
האָט אונדז באַגעגנט גראָז און בוים און שפּראָץ. און יונגער גרין
באַזעלט האָט אונדזער גאַנג מיט טיפן מיין און טיפן זין,
און אויסגעקושט די טרערן אין די אויגן פון דער וועלט.

# על משכבי בלילות

על משכבי בלילות —
מער דאַרף מען נישט זאָגן!
נעם דאָס אַלץ און דערצייל עס
ווען דער ווינט באַלד צעטראָגן

דעם צער און דעם ווייטיק.
און וואָס וועט פאַרבלייבן?
— ווער ס'האָט דאָס נאָך נייטיק,
זאָל יענער דאָס שרייבן.

ביינאַכט אויפן געלעגער,
אין טרויער פאַרשטיקטן,
כ'זע ס'יאָגט נאָך אַ יעגער
מיין גורל צעפליקטן.

פאַרביי מיר זיך ציען
פון ווערטער — לוויות.

יעדער וואָרט בעט זיך מיען
פאַר אים: „גאָט, באַניי עס!

דערהויב און באַפליגל
די קראַנקע און שטומע!"
נאָר ס'מויל בלייבט פאַרזיגלט,
די צונג — צו דעם גומען.

און ס'ציען זיך ווייטער,
אין רייען נאָך רייען,
די ווערטער צום שייטער,
אין אַנגסטן און ווייען.

על משכבי בלילות —
מער דאַרף מען נישט זאָגן!
עס טוט צער און אַבילות
פון יעדער אות שלאָגן!

# ביינאַכטיקער דיאַלאָג

# ביינאַכטיקער דיאַלאָג

— מילא, די טעג זיינען ניט מיינע.
אָבער די נעכט, די נעכט,
פאַרוואָס ליג איך אַ וואַכער דורך די נעכט מיט טרויער אָנגעזויפטע,
און וואַרף זיך פון זייט אויף זייט —
ביז ווייט אַריבער די חצותן?

פאַרוואָס ליג איך וואַך און טענה
זיך אוים מיט מיינע אייביקע, בייטאָגיקע פאַרדראָסן?
דאָס הייבט זיך אָן געוויינלעך מיט אַ דיאַלאָג
צווישן ווילן און פליכט.
ביידע שלעפן זיי מיך צום געריכט:
ס'לייגט יעדער צד אַוועק די טענות זיינע אויף אַ וואָג,
און אַלעמאָל געווינט איבער דעם ווילן — פליכט.

זייער לאָדן זיך גייט אָן שוין יאָרן.
די נעכט, זיי קענען שוין אויסנווייניק דעם דיאַלאָג
פון שולדן און באַשולדן, פון תרעומות, מאָנערייען.
ס'שרייט איין צד: הבל! און דער צווייטער: קין!
ביז דאָס געריכט ווערט אַ יאָמערטאָל.

און טאָמער האַלט איין צד שוין שמאָל,
פאַרבעט ער זיך צו עדות — דאָס געוויסן.
נאָך גוט וואָס סע מישט אַריין זיך דער פאַרטאָג,
און דער ביינאַכטיקער דיאַלאָג
ווערט איבערגעריסן.

# צו אַ יידישער שרייב־מאַשין

פאַרנאַכט, ווען אײנגעשטילטע רוען שוין די שורות שרייב־מאַשינען
אין דער ביוראָ, וואו איך זיץ גאַנצע טעג געפאַנגען.
ווען די זון האָט זיך פאַרנייגט שוין און פאַרגאַנגען
און אין הימל טוט דער ערשטער שטערן שוין אַ פינקל,
הייב איך זיך אויף פון שטול און נעם אַרום
די שרייב־מאַשין, וואָס שטייט פאַרוואַרלאָזט אין אַ ווינקל.

אָ, שרייב־מאַשין, דו יידישע, דו איינציקער גר אַרומגערינגלט
מיט אַזויפיל שוועסטער, אויף אַ ווייט און פרעמד דיר לשון,
מיר זיינען ביידע עלנט דאָ און איבעריק — זאַנגען
אויף אַ האַרבסטיק פעלד, שוין לאַנג צעהאַגלט און צעדראָשן.

אָ, שרייב־מאַשין, דו יידישע, איין גורל האַלט אונדז ביידע דאָ געפאַנגען.
דיזעלביקע געפאַרן טוען ביידע אונדז באַדראָען:
מיר זיינען ביידע אויסגעשטעלט צום הפקר פון די ווילדע ווינטן,
צום הונגער פון די בייזע, קראַקענדיקע קראָען.

גוט איז אונדז פאַרנאַכט בלויז אין די אומעטיקע שעהן,
ווען סע פאַלט דער אָוונט צו די שויבן צו אַ מידער.
ווען אין איינגעוויגטער שטילקייט זוכן מיר אַ טרייסט
פאַר די פאַרשעמטע אותיות איינגעפאַסט אין דיינע בויגעוודיקע גלידער.

נאָר באַלד צעשיידן מיר זיך, און נאַכט נאָך נאַכט מיר בלייבן
יעדערער באַזונדער מיט זיין טרויער.
נאָר אויף מאָרגנס, ווען איך קום צוריק צו דיר, נייגסטו צו דיין אויער,
כ׳זאָל אויף דיין געדולדיק האַרץ אויפסנייַ מיין ווי פאַרשרייבן.

52

# ווי אַלע טרויעריקע יידיש־זינגער

נאָך קראַנקען טאָג־געריש בין איך שוין ווידער
מיט זיך אַליין אין צאַם פון די פיר ווענט.
און ווידער באַמבלען זיך אין קאָפּ מיר שורות לידער,
און ווידער רייסן זיך שוין צום פּאַפּיר די הענט.

איך ראַנגל זיך, כאָטש כ׳ווייס איך וועל פאַרלירן.
כ׳בלייב שטיין אַ ווייל און ווידער גיי איך.
כ׳נעם פּאַלמעסן אין זיך אַ באַרג מיט סתירות,
און ברען און פלאַקער אויף דעם וואָרט־מזבח.

עס פרעסן ספקות מיך און ווילן מיך פאַרצערן:
— דו ביסט אַ זינגער שוין פאַר לויטער טויב און שטומע!
גאָר אותיות יידישע זיי קומען אויסגעווייקט אין טרערן,
אין שיינקייט, ווי דער גורל פון מיין אומה.

אָ, ווערטער יידישע, אָ, הערלעכע באַצווינגער,
איר קומט באַלאַדענע מיט פליכט און מיט אחריות,
און אַ טרויעריקער ווי אַלע טרויעריקע יידיש־זינגער
נעם איך לידער תופס זיין ווי גמרא און משניות.

כ׳בין תופס לידער, און איך נעם אויף זיך די יאָכן
פון אותיות יידישע — זייער צער און זייערע פלאָגן:
כ׳וועל אַנגעגליט פון זייער ניט־געבראָכענעם בטחון —
און טיף אין מיר אַ קוואַל פון טרייסט נעמט שלאָגן.

נעמט פלוצים העל די ווייט פון ווייטנס טאָגן,
און בְרענגט מיר נס נאָך נס — באַווייזן פון געשיכטע:
אַ שטעקן האָט פון הארטן שטיין געמאַכט אַ קוואַל צום שלאָגן...
מיר פאַרלאָזן שוין די מדבר... ווערן מיר ווידער אויפגעריכטע?...

## 54

# נאָך איין מאָל

וואָס זעלטענער, געצאַמטער ס׳ווערן די באַגערן,
אַלץ זעלטענער זיך צינדט אין פולן פלאַם דאָס בלוט:
איך האָב פון לאַנג געמאַכט שוין שלום מיט מיין שטערן,
און אַלץ וואָס מיר באַשערט איז — נעם איך אָן פאַר גוט.

דאָך טרעפט אַמאָל איך ווער איבערגעוואַלטיקט
פון טיפע ספקות און פון צער פון טריבן;
ווייל אַלץ וואָס האָט באַרוישט מיך און געשטאַלטיקט
איז אויסגערונען. עס איז פון דעם מיר גאָרנישט ניט פאַרבליבן.

ווילט זיך דעמאָלט מיר נאָך איין מאָל אין מיין לעבן
(ווען אַלץ אַרום איז יאָושדיק און מיד)
דערפילן דעם אויפברויז וואָס מיר געגעבן
האָט דער ציטער, ביים דערזען דאָס ערשטע אָפּגעדרוקטע ליד.

און אין בין־השמשות, ווען עס צאַנקען שלאָףֿ שוין די באַגערן,
(ווען אַלץ אַרום איז איינגעהילט אין טיפן וויי און ווינד!)
וואָלט איך געוואָלט נאָך איין מאָל, איין מאָל הערן,
געפּלאַפּל יידישן אין מיילכל פון אַ קינד.

# פון אייביק ביז אייביק

דו ביסט נאָך דאָ די איינציקע דערמאָנונג
פון מיין וועלט —
וואָס איז פאַרגאַנגען און פאַרגייט:
אַ שקיעה־זון וואָס לעשט זיך און וואָס העלט —
שטאַרבנדיקערהייט.

נאָר אויך שטאַרבנדיקערהייט
פאַראַן איז אין דיין שטאַרבן
אַזויפיל הערלעכקייט,
און רעגנבויגן־פאַרבן,
אַז מעגן שטיקער פאַלן
פון מיין וועלטס־יסוד,
בלייבן בלייבט אַדאָ
דיין פרילינגדיקער טראָט!

און ביז די לעצטע רגעס פון מיין לעצטער שעה —
פון אייביק ביז אייביק —
בלייב איך אין דיר גלייביק!

## 56

# די שעה פון שעהן

אַט־דאָ, אין קיך ביים פענצטער, וואו איך זיץ און קלייב
אות צו אות, פּאָר זילב מיט זילב, און ראַנגל זיך אין שלאַכט
מיט האַרטנעקיקע ווערטער; אַדאָ, וואו כ׳זיץ און שרייב —
פאַרגייט די זון. פאַלן שאָטנס צו. פאַלט צו די נאַכט.

אַ מידע רוט די האַנט אויף דעם פּאַפּיר און יאָגט זיך ווידער.
זי רוט זיך אָפּ פון נאָכיאָגן דאָס האַרץ, נאָר טרויער וואַכט
איבער די שורות רייף ווי דאָס געבעט אין סידור.
— ס׳פאַרגייט די זון. עס פאַלן שאָטנס צו. ס׳פאַלט צו די נאַכט.

אויף ווייס פּאַפּיר די שוואַרצע האַרטנעקיקע ווערטער בלאָען
איצט מילד און הרת־עולמדיק, אין זיך פאַרטראַכט:
ס׳איז צייט פון תפילה. צייט פון ווידוי. די שעה פון שעהן.
— ס׳פאַרגייט די זון. עס פאַלן שאָטנס צו. ס׳פאַלט צו די נאַכט.

# 57

# די קליינע נאַכט־קאַפּע

אויף דער גאַס דער זייטיקער, די קליינע נאַכט־קאַפּע
האָט פֿייער שוין געצונדן אין די שויבן.
דאָס פֿייער גליט געהיים דאָ ווי דער מדבר־סנה,
און ס׳ציט אַהין מיך מיין פֿאַר׳סמטער גלויבן.

נאָך טעג פֿון יאוש, און נאָך לאַנגע טעג פֿון צווייפֿל,
איך איל אַהין פֿון קיינעם נישט פֿאַרבעטן
נאַכט־איין, נאַכט־אויס, צו טרעפֿן דאָרט אַ הייפֿל
טרויעריקע, טרויעריקע יידישע פּאָעטן.

ס׳האָט זיי אויך פּונקט ווי מיך געבראַכט צוטראָגן
די נאָגעניש פֿון יאוש, הונגער נאָך באַשייד.
און ווען די שפּעטע נאַכט־שעהן שוין מידע שלאָגן —
זייער מידקייט שלאָגט מיט צער פֿון יידיש־רייד.

זייער צער תחינהט דאָ, ווי ס׳יידישע געמיט.
ווי וואָר צעוויינטאָקטע וואָס הענגט אויף וואָרט.
ווי פּחד פֿינצטערער פֿאַר געןאָסיד,
ווי וואָרט אין שרעק פֿאַר אונטערגאַנג און מאָרד.

זייער צער יאָמערט, און מידע ווי די סאָוועס
אין מורא פֿאַרן טאָג וואָס וועט אונדז טרעפֿן —
אָ, אונדז פֿאַרשטויסענע דאָ זיצן אין זכות אָבות —
ווען טאָג וועט בייז זיין מויל באַלד טון אַן עפֿן,

און אונדז אַרויסשטעלן אויף הפקר אויף די גאַסן.
באַפאַלן מיט באַשולד אונדז פונקט ווי שונאים.
אונדז טרייבערן מיט מוסר, שינדן פאַסן
פון אונדז, און אונדז אַריינלאַכן אין פנים.

און מיר געקומען זיינען אויף רוף און פיבער
פון נס און קראַנקן טרוים, אַ טרוים פאַטאַל —
וואָס לויכט די גרענעצן פון טרוים אַריבער,
אַ וואָר רעאַל, און מערער נאָך, און מערער — סוררעאַל!

ס'איז אַ געמיש דאָ פון יום-כיפור און פון פורים.
פון שמחת-תורה און פון תשעה-באָב.
מען ווייסט נישט וואָס איז חוזק, וואָס יסורים,
עס האָט קיין אָנהויב ניט, קיין מיטן און קיין סוף!

ס'איז וואונדער! אָבער גרעסער נאָך איז דער בייז-וואונדער:
זין פאַרשטייען נישט דאָס לשון פון די טאַטעס.
ס'איז אחד און אַחדות — אינאיינעם און באַזונדער.
ס'איז מלכות אויסגעפוצט אין שמאַטעס!

ס'איז אַ געמיש פון צניעות און פאַרשייטקייט.
אַ כאַכעריי פון טרערן און געלעכטער.
די מאַמעס בענטשן ליכט און טראָגן שייטלען,
נאָר פריי און קורץ-געשוירן גייען טעכטער.

ס'איז עם-קשה-עורף. ס'שטעלט צו דער וועלט גאונים,
נאָר אַלץ וואָס אייגן — פאַרשפּאָט איז און פאַרלאַכט.
אָנגעטאָן דער ערווה פון דער וועלט תחתונים,
און אַליין געבליבן נאַקעט, ווי פון מוטערס טראַכט.

א געמיש פון שטאָלץ און שיפלות, מוט און חניפה.
די סינאַגאָג, דאָס שמד־הויז און די מקווה
טרעפן זיך אויף דער משוגענער אַסיפה
פון כל נדרי, „פּאַטער נאָסטער" און התקוה!

א פייער האָט אַרומגעכאַפּט די גרויסע ירושה,
נאָר ווי געפאַנגענע מיר זיצן דאָ אין קלעם.
ס'איז אַ בלבול המוחות: די פרעכקייט מיט דער בושה
האַלדזן זיך! ס'איז אַ חילול און אויך אַ קידוש השם!

נאָר ווי סאָוועס מיטן אָנקומען פון נאַכט,
פון אַלע עקן שטאָט — עס פירט איין וועג
אונדז אַלע צו איין ציל. אַהין האָט אונדז געבראַכט
שותפותדיקער טרויער און שותפותדיקע שרעק.

פון דער גאָרער וועלט צונויפגעקליבענע —
קליין אין צאָל — ווערט קליין און קלענער אונדזער צאָל;
נאָר נאַכט נאָך נאַכט פון איינזאַמקייט געטריבענע,
פאַר'עקשנט וואַכט אַ מנין דאָ, אין גלויבן האַרט ווי שטאָל!

מיר ברענגען מיט אויף זיך פון קלעפּ די פרישע וואונדן
וואָס ס'האָט די ניכטערקייט אונדז יעדן טאָג דערלאַנגט.
נאָר היימיש זיסער ריח פון ייִדיש־רייד, אין שטונדן
שפּעט־ביינאַכטיקע ווערט היילִיק־היילנדיק געזאַנג.

און ווען די מאָרגן־שעה אונדז ניכטערט אויס.
ווען ס'הייבט דער טאָג אָן שינדן פּאַסן פון דער שטאָט,
ווערט פּוסט דאָ, אומהיימלעך, און מיר שלייכן זיך אַרויס
פאַרטון אין אַ וויכוח מיט זיך — און גאָט!...

# דאַס גליק וועגט איבער מיט אַ טרער

מיין האַרץ איז שווער מיט וויי באַלאָדן,
און ווי אַ קראַנקע שיף נאָך שטורעם,
נאָך ראַנגלעניש, נאָר גרויסן שאָדן,
איך ליג געשמידט דאָ אין יסורים.

איך ליג האַלב-וואַך אין שפּעטער נאַכט —
הער גאַנג פֿון שטערן, גאַנג פֿון ווינט,
כ׳הער, ווי אין הימלס בלויער טראַכט —
אַ שטום געוויין דורך פֿייער רינט.

דער שלאָף מיידט אוים די מידע אויגן,
נאָר שאַרף און וואַך איז מיין געהער:
— כ׳האָב גליק און אומגליק אָפּגעוואויגן —
דאָס גליק וועגט איבער מיט אַ טרער.

# ווי טרערן פון יתומים

עס קוקט אויף מיר דער לוח פון דער וואַנט און לאָזט מיר וויסן: ס'איז שוין מאַי.
און ווייטערדיקע בלעטלעך: זומער שטייט שוין אויף דער שוועל.
נאָר איך בלייב אין דער נעץ פון אומעט אַ געפאַנגענער, און סיי־ווי־סיי
ברומט אַלץ נאָך אלולדיק דער טרויער ווי אַן אָרגל אין מיין זעל.

ווייל וואָס איז פרילינג? וואָס איז זומער? — נישט מערער ווי אַ דאַטע
אויף פאַפיר, ווען טיף אין דיר איז שפּעטער אָסיען, און דעם מינדסטן צייכן
אויף אַ רעגנבויגן זעסטו נישט! דער זעלבער גרויער הימל ווי אַ שמאַטע
הענגט איבער דיר, און ס'קען די זון נישט דורכרייסן די הייכן.

עס קוקט אויף מיר דער לוח אויף דער וואַנט און לאָזט מיר וויסן: ס'איז שוין מאַי.
ס'האָט אויפגעוואַכט און שוין באַנייט זיך יעדער צמח, חי און דומם.
נאָר איך פאַרבלייב אין נעץ פון אומעט אַ געפאַנגענער, און סיי־ווי־סיי
טריפט אַלץ נאָך אין מיין זעל אַ היים געוויין, ווי טרערן פון יתומים.

# אויסגעלאָשענע שטערן

פּאַראַן אַמאָל אַ רגע אַן איין־און־איינציקע אין לעבן —
אויף אָט־דער רגע ווארט מען אָפּ אומזיסט אַ לעבן־לאַנג.
עס טראָגט די רגע זיך פאַרביי, און דורך איר שוועבן
פאַרזייט זי אַ הייליק ליכט און אַ היילנדיק געזאַנג.

דער ביסן ברויט דער ביטערער באַקומט אויפסניי אַ טעם אַ נייעם.
אַ יעדער טראָפּן־וואַסער — אַ געזעגענונג פאַר דעם גומען.
און טאָג מיט נאַכט און נאַכט מיט טאָג באַגריסן זיך מיט אַ „לחיים!"
און זייער אָפּגיי טיף באַזינט איז פּונקט ווי זייער קומען.

געבענטשט איז דער וואָס האָט געוואַרט און אויף דער רגע זיך דערוואַרט.
מיט טיפן זין וועט זי שוין ביזן לעצטן טאָג אים נערן.
נאָר ווי איז דעם וואָס האָט געוואַרט און איז געבליבן אָפּגענאַרט,
פון רגעס טויט־געבוירענע — עס ציט זיין לעבן זיך — אַ נאַכט אָן שטערן.

# דאָס ווייניק-פאַרבליבענע

דאָס ווייניק-פאַרבליבענע פון אונדזערע גרויסע אַבידות
איז נאָך גרויס גענוג צו גיבן זיך דעם חושך פון אונדזערע טעג:
עס לויכט דער זין נאָך העל אין זכות פון אונדזערע באָבעס און זיידעס,
און מיר וואַרעמען זיך נאָך אַלץ ביים שיין פון זייער קשה-עורפדיקן וועג.

און ווי דאָס פּנים פון הימל וואָס פלאַמט אין זון פאַרגאַנג פון בושה,
פאַרלוירענע זוכן מיר נאָך אַלץ אַרום אונדזער אייגענעם וועג:
זאָל אונדז גאָט באַשערן (אַז אַ חוץ זייער קדושימדיקע ירושה)
זאָלן אין אונדזער אייגענעם זכות — אויפלויכטן אונדזערע אייגענע טעג.

# אַ תפילה

דערהויב מיך נישט איבער די קעפּ
פון מיינע וויניק-פאַרבליבענע ברידער:
כ׳וואָלט געוואָלט זיין ניט מער ווי אַ טרעפּ —
וואָס זאָל דערהויבן פון חרובן נידער
אונדזער גרויסן צעטראָטענעם רום,
און אונדזער גרויסן געלעסטערטן נאָמען.
— נאָכדעם מאַך מיך שטום.
מעק אוים אויף אייביק מיין נאָמען.
— אָמן.

# צו קליינע לידער

נאָך אַלע וואַנדלעניש ן קומט מען ווידער
צוריק צום קליינעם ליד, צום ליד פון לידער.
צו דער תפילה בלחש, צו דער בלחשדיקער ווידוי.

דאָס קליינע ליד וועגט און מעסט
געדאַנק און געפיל, און וואַרעמט ווי אַ נעסט
די באַשערטע ווערטער, די אליהו הנביאדיקע געסט.

דאָס קליינע ליד איז גרויסער וואונדער.
עס באַהעפט וואָרט מיט וואָר, און באַזונדער —
זינגען זיי אינאיינעם דאָס קליינע ליד פון גרויסן וואונדער.

ד

# אור-קוואַל

# אור-קוואַל

דאָס רייפע וואָרט אין רייפן ליד
קומט מיט זעט פון יאָרן,
מיט לעבנס-חכמה מיד,
און טרינקט פון אור-קוואַל פון זכרון.

עס טרינקט פון פרייד און פון געוויין.
ווינקט אָן דעם זין, נאָר איז ניט פורש:
עס זינגט בציבור, עס זינגט אַליין,
נאָר בענקען בענקט עס בלויז צום שורש.

# דיכטונג

דו באַצווינגסט ווי שיכרות און באַפאַלסט ווי משוגעת,
און נאָכדעם קומט אַ בלאַנקע ניכטערקייט:
קענסט זיין אַכזריותדיק אין ליבשאַפט ווי אין האַס,
און גוט ווי אַ שליסל וואָס עפנט אויף אַ תפיסה און באַפרייט.

אין איין האַנט טראָגסטו רום, און אין דער צווייטער חוזק.
דאָס ליכט פון טאָג און חושך פון דער נאַכט:
אָט ביסטו אַ באַפרוכפערנדיקער שטראָם וואָס טראָגט זיך ברויזיק,
און אָט די בושה און דער צער פון דער עקרהס טראַכט.

# זכרון

דער זכרון איז דער בעסטער אויפזאַמלער.
דער שטרענגסטער אויפהיטער.
דאָס וואָרט איז בלויז דער שטאַמלער
פון דיין לעבנס־געוויטער.

וואָס טעג און נעכט צעשטערן
בליט ערשט קלאָרער
אין דיין זכרון: ווייל דורך טוי פון טרערן —
ווערט טויזנט מאָל די וואָר נאָך וואָרער.

# צייט

מען קען זיך צירן אין טרויער
אויף פונקט ווי אין פרייד:
זיי פאַרמאָגן בײדע רגעס ווען דויער
איז אַ גאַנצע אייביקייט.

דער טרויער קריכט. די פרייד האָט פליגל.
נאָר לויף פון יאָרן —
קען נישט צעשמעלצן אין פייער דעם זיגל
וואָס לויכט אין דיין זכרון

# וואָר און וואָרט

דאָס וואָרט אַליין איז קליין און אָפן,
ס'האָט קיין פריינט און ס'האָט קיין שונאים:
ס'קומט נישט טרייסטן, ס'קומט נישט שטראָפן,
עס קוקט דער וואָר נאָר גלייך אין פנים.

נאָר ווען פאַרזייט אין שורה־באָדן,
דאָס וואָרט צעבליט זיך און נעמט שוועבן —
מיט לעבנס־חכמה אָנגעלאָדן —
ערשט דאַן ווערט וואָרט אַ צד אין לעבן.

~ 73 ~

# דאָס ליד

דאָס ליד קומט קיינמאָל אויף באַשטעל.
דיין בלוט דאַרף פריער זיין דאָס תופס:
ביסט תמיד וואַך מיט לייב און זעל
עס זאָל באַווייזן זיך דער מופת.

געשעט דער מופת ווערסטו מושל.
דו פורעמסט פריי דיין חלום-אוצר:
ציסט אַרויס פון אות דאָס מינדסטע רוישל,
ביז ס'ווערט וואָרט ווי ליים אין האַנט פון יוצר.

# דאָס רייפֿע ליד

דאָס רייפֿע ליד איז קאַרג אויף ווערטער,
ס׳איז איבערקלייבעריש און שטרענג:
עס מיידט אָפּט אויס געראַמע ערטער,
און זוכט איר רחבות אין דער ענג.

עס וואַגט ביז ראַנד פון גרויס-סכנה,
און נישטערט תמצית אין דעם תוכן:
איר ציל איז קיינמאָל די כוונה,
— נאָר אַלעמאָל אין דעם דערגרייכן.

# דיכטער

ער האָט קיין דעה נישט אויף בחירה.
נישט תמיד איז דאָס וואָרט זיין וואפן:
בלויז ווען דער חסד פון יצירה
רוט אויף אים — דאַן זינגען טראָפּן.

די ערשטע שורה בלויז טוט גאָט אים שענקען.
ער פירט אים צו צום שירה־היכל.
דערנאָך מוז ער אַליין אויסבענקען
און אויסבריען שורות, מיט האַרץ און שכל.

# דאָס לשון פון דער אייביקייט

אַ ליד מוז שלאָגן וואָרצלען טיף אין באָדן
פון לעבנס-חכמה, און פאַרשטיין זיך אויף שגעון:
זיך לערנען ביי דעם טאָג-ליכט ביי דעם ניכטערן, נאָר אָנגעלאָדן
זיין מיט דער נאַכטס לבנהדיקן חזיון.

עס דאַרף אין שטורעם רייפן, און אין פרידן פלאַצן
פון זיך אַליין, ווי רייפע קנאָספּן, זומערצייט:
ווען נייטיק — קענען לעסטערן, נאָר מער פון אַלעם שאַצן,
ווייל דאָס איז דאָס אויסגעפּרוּאווטע לשון פון דער אייביקייט.

# מיין וואָרט

ווער סע קומט מיט גוואַלט דאָס וואָרט באַצווינגען,
און ווער עס צערטלט דאָס מיט ליבשאַפט און פאַרטרוי.
ווער ס'האָט ליב אויף הויכן קול צו זינגען —
איך האָב ליב דאָס ליד וואָס פרעפלט ווי פאַרנאַכטן־בלוי.

ווער עס שלעפט דאָס וואָרט — אין ליד אַריין — ביים אויער,
און ווער ס'קושט עס אוים פון קנאָספ ביז פולן בליט.
איך האָב ליב דאָס הייסע וואָרט פון טיפן טרויער,
די געשפאַנטע שורה וואָס באַזעלט דאָס גאַנצע ליד.

# אין ווייַנגאָרטן פון יידישן ליד

דו ביסט צו אונדז געקומען — אַ שטאָלצער גרענאַדיר —
און פריי געלאָזט ווערטער — פיילן פון בויגן:
האָסט אַריבערגעשפרייזט טויער און טיר,
און מיט אַ געלעכטער זיך אויסגעצויגן —
אין דעם ווייַנגאָרטן פון יידישן ליד.

אָן יחוס־בריוו, אַ חוץ אויף דיין גומען
דער זיסלעך־ביטערער טעם פון וואָרט:
האָט קיינער דיך טאַקע נישט אויפגענומען
מיט ברויט און זאַלץ, און נישט פאַרברייט דיר אַן אָרט
אין דעם ווייַנגאָרטן פון יידישן ליד.

צעשראָקענע האָט מען פון אויבנאָנען
דיך אָפגעמאָסטן פון אויבן אַראָפ:
— אַ מאָדנער הילוך! באַטאַפּט די טראָנען,
די פאַפּירענע קרוינען אויפן קאָפּ,
אין דעם ווייַנגאָרטן פון יידישן ליד.

קיין אסיפות האָט מען פאַר דיר נישט פאַררופן.
זאָל זאַלבן דיך הפקר — ווינט אויף באַראָט:
און זאָלן נגישות און נויט און סיגופים
לערנען דיך צוימען דיין וואָרט און דיין טראָט —
אין דעם ווייַנגאָרטן פון יידישן ליד.

נאָר זאָרגלאָז און פריי ווי אַ ווינט אויף שפּאַציר,
האָסטו געלאַכט אַזאַ הילכיק געלעכטער:
האָסט אַריבערגעשפּרייזט טויער און טיר,
און אָפּגעשאַרט פון וועג די וועכטער,
אין דעם וויינגאָרטן פון יידישן ליד.

ביז דו ביסט געוואָרן איינס מיט דעם באָדן.
(דאָס יידישע וואָרט וועט שוין אייביק דיך שוינען!)
איצט קומען שוין זוכן שוץ אין דיין שאָטן
שפּילער און צימבלער מיט פאַפּירענע קרוינען —
אין דעם וויינגאָרטן פון יידישן ליד.

— שיכּור פון לעבן, פון הונגערן ניכטער,
מיט ווילדקייט פון וואָלף, מיט מילדקייט פון טויב,
פלאַצט פון געלעכטער דער זילבערנער דיכטער —
אין טיף פון זיין קבר — פון רום און פון לויב,
אין דעם וויינגאָרטן פון יידישן ליד.

## — 80 —

# שלימותדיק געזאַנג

כ׳בין אויסגעהונגערט היינט נאָך רייפן, פול-צעבליטן וואָרט.
מיין גומען איז פאַרברענט פון דאָרשט נאָך שלימותדיקן ליד.
כ׳בין נאָך קיינמאָל נישט צוגעפאַלן צו ברויט און וואַסער-קוואָרט
מיט מערער תאווה און מיט מער פאַרצערנדיקן אַפּעטיט
ווי איך פאַל צו אַ צינד צום וואָרט, צום קוואַל צום לויטערן פון ליד.

אָ, קוואַל, דו העכסטע אויסשטראַלונג פון חכמה און עקסטאַז,
זינט דיין ערשטן ליכטיקן פאַרטאָג האָט דיך דאָס האַרץ געקרוינט
פאַר איר צונג! ביסט אויך אַ ציל געווען פאַר חוזק און פאַר שפּאַס
פון אַלערליי נאַראָנים! דו ביסט אָפּטמאָל ניט געווען געשוינט
פון יענע, וואָס עס לאָזט אויף זיינע פליגל נישט אַרויף פּעגאַז!

נאָר שלימותדיק געזאַנג, געוואוינט צו שטורעמס, האָט די צייט
אַפילו נישט אויף דיר קיין שליטה! לעבסט בלויז אין דעם זכות
דיין אייגענעם! שפּינסט וואָרט-געוועב נאָך דינער ווי דאָס דינסטע זייד.
גזלניש רייסטו מיטן וואָרצל אויס דאָס מינדסטע שורהלע פון שטות,
נאָר קינדיש-צאַרט טראָגסטו אין דיינע אָרעמס די חכמה — אין דער אייביקייט!

